# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת יִתְרוֹ

תשפ"ד

333

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אַלְס מַשְׁגִּיחַ אִין אַ יְשִׁיבָה, דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשָׁה?..............א

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען גְמָרָא?..........................................ד

וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת?..........................ה

מֶעג אַ פְרוֹי לֶערְנֶען מַסֶכֶת אָבוֹת?............................................ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


שְׁוַויג; דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ.............................................א

אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ קָאכְן אוּן בַּאקְן, אוּן וִוי אַזוֹי נָאכְצוּדוֹימֶען...................ב

דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ צִינְדְן לִיכְט פַאר צַדִיקִים אִיז בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק..........ג

קוּשְׁן דִי מְזוּזָה מִיט רֵיינֶע הֶענְט, אוּן צוּלֵייגְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָה..........................ג

דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז פָּשׁוּט פַארְפוֹילְטֶע קִנְאָה אוּן פַארְפוֹילְטֶע מִידוֹת..................ד

עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְן אָן אַרְבֶּעט, וִוי צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ פְּלַאץ מִיט נִסְיוֹנוֹת.............ה

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק......................ו

'אָמֵן יְהֵא שְׁמֵי' רַבָּא', 'קְדוּשָׁה' אוּן 'בָּרְכוּ' אִיז מְתַקֵן אַלֶע פְּגָמִים.....................ז

אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת, זָאל מֶען רֶעדְן צוּם מְלַמֵד אוּן צוּם מְנַהֵל......................ח

וֶוען עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת, זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְהֶערְן מִיט אַ גוּטֶע גֶעפִיל.....................ח

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע טְרֵייסְט.......................י

גֵיי אַרָאפּ פוּן דִי גְרוּפֶּעס וָואס מֶען שִׁיקְט דָארְט נִיבּוּל פֶּה........................יא

אַ טֶערֶעפִּיסְט קֶען נִישְׁט הֵיילְן, אָבֶער דֶער מַאן קֶען אוֹיסְהֵיילְן.......................יא

מֶעג אַ אִינְגֶערְמַאן מַאכְן אַ בְּרִית בַּיי זַיין רֶבִּי'ן?...................................יג

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן נָאךְ אַ קִינְד .........טו

נִישְׁט מַאכְן אִין בֵּית פֵּיגָא בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ אַ יוּנִיפָאְרם פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ..............טז

אַז מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, פּוֹעֶל'ט מֶען ..............................יז

בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען מִיטְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת?..........................יח

שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד .............................יט

זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת .......................כ

אַז דֶער מַאן שְׁפִּירְט אַז זַיין וַוייבּ שֶׁעצְט אִים, דַארְף עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס ....כב

גְרֵייט זִיךְ אָן עֶפֶּעס פַאר שְׁפֶּעטֶער.....................................................כב

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת.......כד

דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן......................כה

יֶעדֶער קֶען הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן .............................כו

נִישְׁט צֶעשְׁטֶעכְן דִי עֶלְטֶערְן.................................................................כו

נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אַ שִׁידוּךְ ...................................................................כז

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז קֵיינֶער אִין דִי קְהִלָּה זָאל נִישְׁט הָאבְּן חוֹבוֹת .......כח

אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן שְׁטֶעטְל אַן אוֹיפְגֶעפְרִישְׁטֶער .........................כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אַלְס מַשְׁגִּיחַ אִין אַ יְשִׁיבָה, דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשָּׁה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁקָעָה וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אִין מִיר - וָואס בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל כֹּחַ אוּן חִיזוּק צוּ וֶוערְן מֶער דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט פַאר אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פָּאסְטְן אַלְס מַשְׁגִּיחַ אִין אַ יְשִׁיבָה פַּאר יוּנְגֶערֶע בָּחוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער צֶענְדְלִיגֶער תַּלְמִידִים, וָואס שְׁטֵייגְן אִין תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אֵיידֶעלֶערְהֵייט אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן פַארְשִׁידֶענֶע אֵיידֶעלֶע נוֹשְׂאִים אִין אִידִישְׁקֵייט אוֹיף זֵייעֶר אַ קְלָארֶע אוּן אָפֶענֶע וֶועג, אוֹיךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַמָאל צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי, "זָאל מֶען דֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער הִלְכוֹת שַׁבָּת, וַוייל מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן אַז אֵיינֶער וֶועט לְכָבוֹד דֶעם גֵיין אָנְצִינְדְן אַ לֶעקְטֶער אוּם שַׁבָּת?"

אִיךְ ווּאוּנְדֶער זִיךְ אוֹיב אִיז טַאקֶע דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן אוֹיב אִיךְ זָאל אוֹיךְ רֶעדְן אַזוֹי אָדֶער עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זֶעט טַאקֶע אַז דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען מֶער אָפְּגֶעהִיטְן? אַז זֵיי זֶענֶען מֶער בַּאשִׁיצְט? זֵיי קֶענֶען גְרִינְגֶער בַּיישְׁטֵיין

זֵייעֶרע נִסְיוֹנוֹת? ווייל אוֹיב יָא, דַארְף מֶען טַאקֶע טוֹישְׁן דִי צוּגַאנְג צוּ דֶעם, אוּן אִיךְ דַארְף טַאקֶע אָנְהוֹיבְּן מֶער רֶעדְן אוּן זַיין מֶער אָפְּן אוּן קְלָאר בַּיים רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי זַאכְן.

אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער אוּן הַדְרָכָה אִיבֶּער דֶעם, אוּן נָאכְמָאל וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוואַלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן הָאבְּן גֶעטוֹישְׁט בַּיי מִיר אַסַאךְ זַאכְן צוּם גוּטְן, אוּן הָאבְּן מִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי"ם, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי - פוּן ווִי זָאלְן זֵיי ווִיסְן ווִי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן ווִי צוּ זַיין הֵיילִיג...?

אִיךְ ווֵייס עֶס אִיז דָא וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, אָבֶּער דִי צַדִיקִים, דִי מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִידִישְׁקֵייט פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ - זֵיי הָאבְּן אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט קְלָארֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען, יָא צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דִי אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן מְטַמֵא זַיין.

אַז אִיר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים - וֶועלְן זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט דָאס גֵיין וַוייטֶער, זֵיי וֶועלְן טוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אַזוֹי ווִי לֵיידֶער עֶס טוּט זִיךְ, אוּן עֶס קֶען אַייךְ חַס וְשָׁלוֹם שָׁאטְן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח) אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין בָּבֶל אוּן גֶעטְרָאפְן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים, נָאךְ אַ יָאר אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען דָארְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵד, דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס

זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעוֶויינְט פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן גֶעפְרֶעגְט: אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...? וְאָמַר לִי: "לֹא יָפָה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, אָמַרְתִּי לוֹ: "מִפְּנֵי מָה", וְאָמַר לִי: "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווֶואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פְּשָׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען

זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַּארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַּארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען גְּמָרָא?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל קֶענֶען לֶערְנֶען גְּמָרָא, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי״ם, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי אַהֲבָה רַבָּה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, דַיינֶע אוֹיגְן וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען, דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען.

תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס. אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן הַנְהָגוֹת נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאס מַאכְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיא): ״הֲלֹא אֵינִי יָכוֹל לִלְמֹד״, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל״, דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס; ״לְכָל טוּב״, צוּ אַלֶעס גוּטְס, ״לְתוֹרָה״, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ״וַעֲבוֹדָה״, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת״, צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן, ״וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת״, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, ״וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת״, אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חָתָן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין בַּאלְד חַתּוּנָה הָאבְּן, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אָבֶּער אִיךְ צִיטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דָאס וֶועט נִישְׁט גֶעשֶׁען, וַוייל אִיךְ בִּין מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פוּן מַיינֶע תַּאֲווֹת.

וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶער בָּחוּר וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ מְשׁוּגָע, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף שַׁבָּת בַּאקוּם אִיךְ נִסְיוֹנוֹת פוּן מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, וואו אִיךְ גֵיי און וואו אִיךְ שְׁטֵיי הָאבּ אִיךְ נָאר נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט אַ שֵׁגֶץ, פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת און גֶעדַאנְקֶען, און אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ וֵוין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און נִסְיוֹנוֹת, עֶס טוּט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק וֵויי, אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ רֵיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אִיךְ וֵוין בִּשְׁעַת אִיךְ שְׁרַייבּ דִי שׁוּרוֹת, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?

וֶועל אִיךְ שׁוֹין בְּלַייבְּן מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן? ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר שְׁמִירַת הַבְּרִית, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי וֵוייט פוּן דֶעם? אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן און וַוייזְן אַ וֶועג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, בִּפְרַט וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט צוּ חֲתַנִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי״ם, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ דַארְף פוּן דִיר דְרֵיי זַאכְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא. וֶועסְט מִן הַסְּתָם זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן בַּיים לֶערְנֶען צוּלִיבּ וָואס דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז דִיר אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן אַזוֹיפִיל מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען, זָאלְסְט לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאלְסְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ; זָאג אַ מִשְׁנָה און נָאךְ אַ מִשְׁנָה און נָאךְ אַ מִשְׁנָה אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק, און זָאלְסְט גֵיין וַוייטֶער צוּ נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא ; זָאג גְמָרָא הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט.

צְוֵוייטֶע זַאךְ, זָאלְסְט גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ און דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ ; זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס

וָואס דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט דִיךְ מְשׁוּגָע, וֵוייֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דִי מוֹיל אִיז דִיר פַארְמַאכְט אוּן פַארְקְלַאפְּט - זָאלְסְטוּ פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן אַ תְּפִלָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְזָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ אִים.

דְרִיטְנְס, זָאלְסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר טוּן זַאכְן וָואס מַאכְן דִיךְ פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט טְרַאכְטְן פוּן דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט אוּן פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי עֵצָה אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט): "כִּי כְּשֶׁתִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יִשְׁמֹר לְךָ אֶת הַבְּרִית", אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ אָפְּהִיטְן, "דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה בְּעֶזְרְךָ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית קֹדֶשׁ", עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ", וַוייל דוּרְךְ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, "כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית", דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית אִיר נָאמֶען אִיז לִ י לִ י ת, "עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד", זִי וֵויינְט שְׁטֶענְדִיג, "שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עַצְבוּת", פוּן דֶעם קוּמְט זַיין בְּעַצְבוּת, "וְעַל כֵּן עִקַּר שְׁמִירַת הַבְּרִית זוֹכִין עַל יְדֵי שִׂמְחָה", אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

נָאר דִי אֵיין צַייט אִין טָאג וָואס דוּ גֵייסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אָבֶער דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט פוּן טָאג - זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. קוּק נָאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן כד): "וְרָאוּי לִקְבֹּעַ לוֹ אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט אִין טָאג, "לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", זִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן דָאס הַארְץ, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ", אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַלֶעס וָואס אִיז אִין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה", אָבֶער דִי אִיבְּרִיגֶע טָאג זָאל מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי דִיר צוּ - אַז

דו וֶועסְט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, דו וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אַ פְרוֹי לֶערְנֶען מַסֶכֶת אָבוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אַ פְרוֹי לֶערְנֶען מַסֶכֶת אָבוֹת, צוּ בַּאקוּמֶען דִי סְגוּלוֹת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַח, שׁוֹבָבִי״ם, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי אִיז פָּטוּר פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת - אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי פְרוֹיעֶן.

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר פְרוֹיעֶן אִיז זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיין אוֹיפְגֶעלֵייגְט, שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אוּן טוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן, בְּעִיקָר אִין שְׁטוּב; זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁמֵייכְלֶען צוּם מַאן אוּן צוּ דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שְׁוַויג; דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען דִי נַייעֶ שְׁפִּיל וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פוּן דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, הָאסְט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת אוֹיף קַארְטְלֶעךְ אוּן גֶעמַאכְט אַ שְׁפִּיל, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִיט דִי מַעֲשִׂיוֹת, עֶס וֶועט זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער יוּנְגֶערְהֵייט; וָואס מֶען לֶערְנְט יוּנְגֶערְהֵייט - בְּלַייבְּט אוֹיף אַלֶע יָארְן.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

"מְחוּצָף... ! שֵׁגֶץ... !"

"שַׁאא שַׁאא בְּלַייבּ שְׁטִיל, זָאג נִישְׁט גָארְנִישְׁט"; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן פוּן טְשֶׁערִין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט נָאךְ אֵיינֶעם אִין גַאס, אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעקוּמֶען אַ מְחוּצָף מִיט אַ פַּאפִּיר פַארְשְׁמִירְט מִיט שְׁמוּץ אוּן דָאס גֶעוָוארְפְן אוֹיפְן טְשֶׁערִינֶער רָב, דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן עֶס אִיז פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן. עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אָבֶּער דֶער אִיד וָואס הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם רָב הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן: "מְחוּצָף... ! שֵׁגֶץ... !"

דֶער רָב זָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "שַׁאא שַׁאא, שְׁוַויג; דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ, מֶען זָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט"; עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ

שְׁטוּב, זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם אִיד וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת, אַזוֹי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דִיךְ וָואס טוּסְטוּ? לָאמִיר טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז; נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר אָפְּשְׁוַוייגְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל אָפְּמָאלְן אַ בִּילְד וִוי אַ רָב גֵייט אִין גַאס אָנְגֶעטוּן אִין רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער מִיט אַ גַבְּאַי וָואס כַאפְּט אָן דֶעם רָב, אֵיינֶער פַארְשְׁמִירְט דֶעם רָב דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דֶער גַבְּאַי שְׁרֵייט אוֹיף יֶענֶעם, אוּן דֶער רָב וַוייזְט מִיטְן הַאנְט אוֹיפְן מוֹיל נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע בִּילְדֶער, נִישְׁט קְלֵיינֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ קָאכְן אוּן בַּאקְן, אוּן וִוי אַזוֹי נָאכְצוּרוֹימֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ בַּאקוּם גָאר גוּטֶע גְרִיסְן אַז דַיין וַוייבּ בַּאוַוייזְט ווֻאוּנְדֶער מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אִין בֵּית פֵיגָא, מִיטְן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען קָאכְן אוּן בַּאקְן; גֶעבּ אִיר אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אִיךְ בִּין אִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר. פְּרֶעג אִיר אוֹיבּ זִי קֶען אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי צוּ אָוֶועק וַואשְׁן טֶעפּ נָאכְן קָאכְן אוּן בַּאקְן, אוּן אוֹיךְ דִי וֶועג וֶוען מֶען קָאכְט אוּן מֶען בַּאקְט זָאל זַיין מִיט אַ רֵיינְקֵייט וִויפִּיל מֶען קֶען.

אִיךְ בִּין עֶנְק זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר; בַּיי מִיר אִיז דִי מוֹסָד מַיין לֶעבְּן, אוּן וֶוער עֶס הֶעלְפְט דִי מוֹסָד אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ צִינְדְן לִיכְט פַאר צַדִיקִים אִיז בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה קֶען מֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דִי נַאכְט וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בְּרֵירָה - זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ אָפְּזָאגְן דִי אַרְבֶּעט ווִי מְבַטֵל זַיין דִי נַאכְט.

בְּנוֹגֵעַ צִינְדְן לִיכְט פַאר נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים; דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ צִינְדְן לִיכְט פַאר נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים - אִיז בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק, דָארְט אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ פְּלַאץ, דָארְט אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה. אוֹיךְ קֶען מֶען צִינְדְן בַּיי אַ צִיוּן פוּן אֵיין צַדִיק - פַאר אַנְדֶערֶע צַדִיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען צִינְדְן אַ לִיכְט פַאר אַ נְשָׁמָה פוּן עֶלְטֶערְן בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק, עֶס אִיז אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט לִיכְט, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין סַכָּנָה.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּשְׁן דִי מְזוּזָה מִיט רֵיינֶע הֶענְט, אוּן צוּלֵייגְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

... תִּחְיֶ׳, מָאנְסִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג קוּשְׁן דִי מְזוּזָה מִיט נִישְׁט רֵיינֶע

הֶענְט; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז נֵיין, אוֹיב דִי הֶענְט אִיז אוּמְרֵיין – דַארְף מֶען דָאס עֶרְשְׁט וַואשְׁן, און קוּשְׁן דִי מְזוּזָה מִיט רֵיינֶע הֶענְט, צוּלִיבּ כָּבוֹד פַאר דִי מְזוּזָה.

יֶעדֶעס מָאל מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, אָדֶער מֶען קוּמְט אַהֵיים – אִיז גוּט צוּ זָאגְן בַּיי דִי מְזוּזָה דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בְּרֶענְג מִיךְ אַהֵיים בְּשָׁלוֹם", און וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים: "שְׁכּ׳חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאסְט מִיךְ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט בְּשָׁלוֹם"; מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער טוּעֶן פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶס רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, און עֶס קְלֶעבְּט צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווארוֹיל אִיז דֶער וָואס קִישְׁט דִי מְזוּזָה בַּיי יֶעדֶע טִיר, דָאס וַוייזְט אַז עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז פָּשׁוּט פַארְפוֹילְטֶע קִנְאָה און פַארְפוֹילְטֶע מִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִ״ים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶעגֶעסְן פוּן קִנְאָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן דֶעם און יֶענֶעם און דָאס בְּרֶענְגְט פַּיינְטְשַׁאפְט, בִּיז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ וֵוייסְט דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת אַז דָאס אִיז נָאר קִנְאָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן קִנְאָה, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט צוּלִיבּ אַבִּיסְל קִנְאָה", מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן ווִי אֵיינֶער וֵויינְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶועגְן אַבִּיסְל קִנְאָה, וֶועגְן אַבִּיסְל כָּבוֹד און אַבִּיסְל תַּאֲוָה – זָאל אִיךְ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט?!"

אָן הִתְבּוֹדְדוּת וֵוייסְט מֶען נִיטְאַמָאל וָואס בַּאדֶערְט אוּן וָואס שְׁטֶערְט, אָן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אִין עוֹלָם הַדִּמְיוֹן, מֶען מֵיינְט דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם יֶענְץ אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם - וֶוען עֶס אִיז פָּשׁוּט פַּארְפוֹילְטֶע קִנְאָה, פַּארְפוֹילְטֶע מִידוֹת, אוּן נָאר דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רַאטֶעוֶועט!" - קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט מִיר אַזֶעלְכֶע חֲסָדִים, דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אִיךְ מַאךְ בַּאוַוארְפְן פַאר מַיין זוּן הֶחָתָן שִׁמְעוֹן, אִיךְ מַאךְ עֶס בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת זוּנְטָאג אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען; פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְשְׁלֶעפְּן, עֶס וֶועט זַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין שְׁטֶעטְל, וֶועלְן מִיר זִיךְ דָארְט קֶענֶען פְרֵייעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אָן אַרְבֶּעט, וִוי צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ פְּלַאץ מִיט נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבי"ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיךְ וֶועגְן דִי אַרְבֶּעט; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אָן אַרְבֶּעט וִוי צוּ אַרְבֶּעטְן דָארְט, עֶס אִיז עֶקְלְדִיג צוּ הֶערְן אַזַא זַאךְ, אַ מֵיידְל זָאל מֶענֶעדְזְשְׁן אִינְגֶעלַייט; זָאג זִיךְ אָפּ פוּן דִי אַרְבֶּעט.

דוּ וֶועסְט זִיכֶער טְרֶעפְן אַ כָּשֵׁר'ֶע אַרְבֶּעט, אַ רֵיינֶע פְּלַאץ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. פָּאלְג מִיךְ, גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי אַרְבֶּעט.

דִי אַלֶע אַמֶעריקַאנֶע אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר דְזְשַׁאבּ צוֹלִיבּ שְׁמִירַת שַׁבָּת - דִי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דוֹרוֹת נֶאֱמָנִים לְשֵׁם, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת; דִי וָואס קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן פַּרְנָסָה אַבִּי צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ - נָאר פוּן זֵיי וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן דוֹרוֹת נֶאֱמָנִים לְשֵׁם.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבִי״ם, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא תַּלְמוּד בַּבְלִי, הוֹיבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. כַאפּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער, זָאג שְׁטַייטְלֶעךְ, זָאג אַרוֹיס יֶעדֶע וָוארְט אוֹיפְן קוֹל, אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאגְט גְמָרָא אוּן מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת - וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה; צו), זָאלְסְט רֶעדְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אָדֶער אִין דַיין שְׁלָאף צִימֶער, אָדֶער בַּיינַאכְט אִין בֶּעט אוּנְטֶער דַיין דֶעק, אָדֶער אִין אַ ווִינְקֶל, אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט נִישְׁט פָאלְגְן דִי יֵצֶר הָרָע, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

אַז דוּ װעסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְװֵיי זַאכְן, אֵיינְס - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דִי צְװֵייטֶע זַאךְ - רֶעדְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר װערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - װֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ װערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין טֵייעֶרֶע טַאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

**׳אָמֵן יְהֵא שְׁמֵי׳ רַבָּא׳, ׳קְדוּשָּׁה׳ אוּן ׳בָּרְכוּ׳ אִיז מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִ״ים, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִין דִי דְרִיטֶע װָאךְ פוּן שׁוֹבָבִ״ים, עֶס אִיז אַ צַייט װָאס מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - מִיט מִנְיָן, יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט ׳אָמֵן יְהֵא שְׁמֵי׳ רַבָּא׳, ׳קְדוּשָּׁה׳ אוּן ׳בָּרְכוּ׳ אִיז מֶען מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רסד): ״צְדָקָה הִיא תִּקּוּן הַבְּרִית״, װֶען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - נֶעמְט מֶען אַװֶעק דִי שֶׁפַע פוּן דִי קְדוּשָּׁה; דַארְף מֶען צוּרִיק גֶעבְּן דִי שֶׁפַע צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

אִיךְ מַאךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הַיינְט חֲתוּנָה מַיין זוּן הֶחָתָן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ בִּין פִיל מִיט דַאנְק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים װָאס עֶר טוּט מִיט מִיר אָן אַ שִׁיעוּר. אִיךְ װִינְטְשׁ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט מַזָּל אוּן בְּרָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת, זָאל מֶען רֶעדְן צוּם מְלַמֵּד אוּן צוּם מְנַהֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; טַעֲנוֹת וֶועט סֵיי ווִי זַיין, פוּן דֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פַיינְטְשַׁאפְט וֶועט נִישְׁט זַיין בַּיי אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת.

מִיר שְׁטֶערְט נָאכְמֶער וֶוען מֶען רֶעדְט וְכוּ׳; רִיכְטִיג אִיז מֶען זָאל זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת - אִיז רִיכְטִיג מֶען זָאל רֶעדְן צוּם מְלַמֵּד אוּן צוּם מְנַהֵל.

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק. מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בִּתְחִלַּת הִתְקַרְבוּתִי אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵל זַיין צוּ בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס מֶען הָאט בַּאקוּמֶען דוּרְכְן צַדִיק, נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען עֶלְטֶערְן הָאבְּן טַעֲנוֹת, זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְהֶערְן מִיט אַ גוּטֶע גֶעפִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי״ם, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): ״אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן״, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער; נָאךְ

זָאגְן זֵיי (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, 'אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת'", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט - אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט; וַוייל עֶר פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, וֶוען עֶלְטֶערְן קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל, נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט גַּאֲוָה: 'קֶענְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער', פָּארְט זֶענֶען זֵיי דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר, וֶוען מֶען הַאלְט דִיךְ פָּאר אוֹיף זַאכְן וָואס וֶוערְן גֶעטוּן אִין חֵדֶר - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן אוּן גֶעבְּן דִי הַרְגָּשָׁה אַז מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען זֵיי זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן, מֶען זָאגְט נִישְׁט: 'קֶענְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער', דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג; בִּפְרַט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס אַלֶע ווִילְן דִי חִינוּךְ פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַלֶע ווִילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דַארְף מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען מֶען דַארְף טַאקֶע פַארְרֶעכְטְן - דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן פַארְרֶעכְטְן; אִיךְ רֶעד אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט - דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, נִישְׁט מִיט גַּאֲוָה אוּן שַׁחְצָנוּת עֶנְטְפֶערְן, 'קֶענְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער'.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע רֵייד, וַוייל עֶס פֶעלְט אַ הָאר עֶס זָאל צֶעפַאלְן עֶנְקֶער חֲבוּרָה וֶועגְן נַארִישְׁקֵייטְן. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זִיצְט אוֹיף דִי טְרֶעפּ אִינְדְרוֹיסְן פוּן עֶנְקֶער שׁוּל אוּן וַוארְט אוֹיף דִי רֶגַע וֶוען וֶועט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פַיינְט הָאבְּן, הָ' לֹא תִהְיֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע טְרֵייסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין זוּן הָרַב שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן ר' אַבְרָהָם מֹשֶׁה שְׁטְרַאסֶער, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער מְסַדֵּר קִידוּשִׁין, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע חֲתוּנָה, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן דִי גֶעפִילְן וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי דִי שִׂמְחָה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אֵיין טָאג אָן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער טְרֵייסְט מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה (סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל) פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה", קוּם צוּ פַּרְעֹה, "כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ", וַוייל אִיךְ הָאבּ הַארְט גֶעמַאכְט זַיין הַארְץ נִישְׁט אַרוֹיס צוּ לָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ גֵיין צוּ אִים, עֶר הָאט דָאךְ אַ הַארְטֶע הַארְץ, עֶר וֶועט דָאךְ נִישְׁט צוּהֶערְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ רָשָׁע לוֹיפְט אַלְץ צוּרִיק צוּ שְׁלֶעכְטְס, אוּן אֲפִילוּ עֶר זֶעט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט וואוּנְדֶער - פַאלְט עֶר אַלְץ צוּרִיק צוּ זַיין שְׁלֶעכְטְס, "אֲבָל כְּשֶׁהַצַּדִּיק מְדַבֵּר אֵלָיו יוֹם יוֹם", אָבֶּער וֶוען דֶער צַדִּיק רֶעדְט צוּ אִים טָאג נָאךְ טָאג - "יָכוֹל לִהְיוֹת מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ זְמַן רַב", וֶועט זִיךְ עֶס הַאלְטְן בַּיי אִים אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל לְכָבוֹד דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵיי אַרָאפּ פוּן דִי גְרוּפֶּעס וָואס מֶען שִׁיקְט דָארְט נִיבּוּל פֶּה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי״ם, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה אוּן בְּלַייבּ נִישְׁט זִיצְן בַּיי אַ שְׁמוּעֶס וָואס מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, וַוייל נִיבּוּל פֶּה בְּרֶענְגְט בִּיטֶערֶע צָרוֹת; וֶוער וֵוייסְט פוּן וָואס דִי צָרוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער קוּמֶען? גֵיי אַרָאפּ פוּן דִי גְרוּפּ וָואס מֶען שִׁיקְט דָארְט נִיבּוּל פֶּה, מֶען לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת אִין לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ח:): "אֲפִילוּ נֶחְתַּם לוֹ גְּזַר דִּינוֹ שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, נֶהְפָּךְ עָלָיו לְרָעָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע זִיבֶּעצִיג יָאר - דְרֵייט זִיךְ עֶס אִיבֶּער אוֹיף שְׁלֶעכְט.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן אַ נֶעבֶּעךְ אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּגֵיין פוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע גְרוּפְּס. וִויפִיל תְּפִילוֹת זֶענֶען דִי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל פַאר אוּנְז אוּן מִיט דִי נִיבּוּל פֶּה קֶענֶען זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ טֶערֶעפִּיסְט קֶען נִישְׁט הֵיילְן, אָבֶּער דֶער מַאן קֶען אוֹיסְהֵיילְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי״ם, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז יֶעצְט אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע - דַארְפְסְטוּ אִיר הֵיילְן, אַ טֶערֶעפִּיסְט קֶען נִישְׁט הֵיילְן, אָבֶּער דֶער מַאן קֶען אוֹיסְהֵיילְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קכט.): "בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַתְּ", רָבָא׳ס וַוייבּ הָאט זִיךְ פַּארְקִילְט אוּן זִי אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן, רָבָא אִיז דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין

יְשִׁיבָה אִין פּוּמְבְּדִיתָא (דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אַוֶועק פָארְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט לֶערְנֶען תּוֹרָה), "וְאַמְטוּי לְעַרְסָה בַּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבַּדִיתָא", הָאט מֶען אִיר גֶעטְרָאגְן מִיט אִיר בֶּעט קַיין פּוּמְבְּדִיתָא אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ רָבָא אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִי אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן; קוּק נָאךְ דִי גְמָרָא, ודו"ק.

מִיט שִׂמְחָה קֶענְסְטוּ אִיר הֵיילְן, מִיט וֶוערְטְלֶעךְ, מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן בְּעִיקָר מִיט אוֹיסְהֶערְן, אִיר גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט מִיט אִיר אוּן דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אִיר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִיר אַסַאךְ וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מֶעדֶעצִין פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע; ווִי מֶער מֶען חַזֶר'ט 'אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, אַז מֶען גֶעבּוֹירְט אַ קִינְד אִיז דָאס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען אִיז מַפִּיל אִיז דָאס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן' - דֶער וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ מַאךְ, אִיךְ טוּ, אִיךְ קֶען, אִיךְ בְּרֶענְג קִינְדֶער, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג' - דָאס וַוארְפְט אַרַיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע.

יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן וַוארְטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים כב:): "כְּשֵׁם שֶׁקִּבַּלְתִּי שָׂכָר עַל הַדְּרִישָׁה, כָּךְ קִבַּלְתִּי שָׂכָר עַל הַפְּרִישָׁה", יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט; עֶס אִיז דָא עֵת לָלֶדֶת, אוּן עֶס אִיז דָא צַייטְן פוּן מַאכְן זִיכֶער אַז דִי וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג אַ אִינְגֶערְמַאן מַאכְן אַ בְּרִית בַּיי זַיין רֶבִּי'ן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ה' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶס זָאל דִיךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין פוּן דַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער. דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן; זַאכְן וָואס הָאט מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אוּן וָואס הָאט מִיט אַנְדֶערֶע - זָאל דִיךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) דִי לְבָנָה הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי זוּן: "וָואס זָארְגְסְטוּ פְרֶעמְדֶע זָארְג?" דִי לְבָנָה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִיר צַעַר אוּן וֵוייטָאג אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אִין אִירֶע פִּיס, זִי הָאט צוּטוּן מִיט דִי שֵׁדִים; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער: "וָואס זָארְגְט אִיר פְרֶעמְדֶע זָארְג?" דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? וָואס זָארְג אִיךְ פְרֶעמְדֶע זָארְג?'

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין, זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז אַ קִינְד מַאכְט אַ שִׂמְחָה אִין בְּרֶסְלֶב בַּיי צַדִיקִים אוּן דִי עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן זֵיי גֵייעֶן כַאפְּן אַ הַארְץ אַטַאקֶע - אִיז דָאס זֵייעֶר אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין רוֹדֵף אַז מֶען ווִיל טְרָאגְן אַ שִׂמְחָה צוּ אַ צַדִיק. מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ג, טו): "וְהָאֱלֹקִים יְבַקֵּשׁ אֶת נִרְדָּף", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וֶועם מֶען רוֹדְפְ'ט; פַארְוָואס שְׁטֵייט 'יְבַקֵּשׁ' מֶען זוּכְט אוֹיף, וָואס אִיז דָא צוּ זוּכְן? עֶס דַארְף שְׁטֵיין 'אֱלֹקִים יִרְאֶה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דֶעם נִרְדָּף! זָאגְט מוֹהֲרַאְ"שׁ, מֶען דַארְף דָאס אוֹיפְזוּכְן, ווַייל דֶער רוֹדֵף מַאכְט אַ פָּנִים ווִי אַ נִרְדָּף; זָאגְט דִי פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט אוֹיף דֶער וָואס רוֹדְפְ'ט.

שׁוֹמוּ שָׁמַיִם, עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט מִיט צָרוֹת, נִישְׁטָא קַיין מִשְׁפָּחָה וָואס לַיידְט נִישְׁט קַיין צָרוֹת, קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן דִי אִידִישֶׁע דֶרֶךְ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אַ וֶועלְט מִיט יִסוּרִים; אוּן נָאכְאַלְץ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת ווִי זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט אַז אַ קִינְד גֵייט קַיין בְּרֶסְלֶב מַאכְן אַ בְּרִית, עֶר ווִיל אַ צַדִיק זָאל זַיין סַנְדָק, אוּן עֶר אִיז גָאר דֶער וָואס מַאכְט דִי

מַחֲלֹקֶת, און עֶר אִיז דֶער וָואס הַרגְ׳עֶט דִי עֶלְטֶערְן, און עֶר וֶוערְט אַ חַיָ׳ רָעָה ווייל עֶר וִויל זַיין קִינְד זָאל הָאבְּן אַ סַנְדָק אַ צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן בְּרִיתְ׳ן בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ דִי שִׂמְחָה, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אַז מֶען אִיז זֵיי מְצַעֵר מִיטְן מַאכְן דִי שִׂמְחָה אִין בְּרֶסְלֶב, דָאס הַרְגְ׳עֶט זֵיי, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶעצְט קֶעגְן דֶעם אַבִי הַבֵּן אַז עֶר הַרְגְ׳עֶט דִי זֵיידֶע; אֵיי וֶוער אִיז דִיךְ מְצַעֵר? וֶוער אִיז דִיר שׁוּלְדִיג אַז דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע? אִיךְ טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי מַאכְן אַ בְּרִית פַּאר מַיין קִינְד? אִיךְ טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר חַיוּת, גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶר דֶערְהַאלְט מִיךְ בַּיים זִינֶען?

לֵיידֶער נֶעמְט מֶען אָן לָשׁוֹן הָרָע, מֶען הֶערְט וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ און בִּכְלָלִיוּת אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, מֶען רֶעדְט זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן און נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, און וֵויי וֵויי פַאר דִי וָואס נֶעמֶען אָן דִי לָשׁוֹן הָרָע. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ און אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען; אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ".

נָאכְאַמָאל, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת, אוֹיבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיךְ רוּפְן און פַארְהַאלְטְן - זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טַעְנָה׳ן; מִיט עֶלְטֶערְן טַעֲנָה׳עט מֶען נִישְׁט, מִיט עֶלְטֶערְן רֶעדְט מֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, און וֶוען מֶען הַאלְט פָאר, מֶען קוּמְט מִיט טַעֲנוֹת - בְּלַייבְּט מֶען שְׁטִיל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן נָאךְ אַ קִינְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי״ם, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן נָאךְ אַ קִינְד, מַיין טַייעֶרער זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַבְרָהָם מֹשֶׁה אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאבּ אִים מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן אַלֶע יָארְן זֶענֶען מִיר אִינְאֵיינֶעם פַארְנוּמֶען צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, בֵּית פֵּיגָא אוּן נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין שְׁטֶעטְל בַּיים מְחוּתָּן אִין שְׁטוּב, אִיךְ בִּין אַרוֹיסגֶעפָארְן מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת. מִיר הָאבְן גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן; וִוי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען, וִוי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי׳ן? אָן מוֹהֲרָא״שׁ מִיט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים?

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן דִי כְּתִיבַת הָאוֹתִיּוֹת פַּארְן סֵפֶר תּוֹרָה וָואס דִי קְהִילָּה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן לְזֵכֶר נִשְׁמַת מוֹרֵנוּ מוֹהֲרָא״שׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דִי וָוארְט ׳אֲשֶׁר׳ וָואס אִין דִי וָוארְט אִיז מְרוּמָז מוֹהֲרָא״שׁ.

דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה וֶועט זַיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת פוּנֶעם יָארְצַייט, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אוֹיף אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים; מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע שַׁבָּתִים פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, יֶעצְט וֶועט דָאס זַיין אִינֶעם יָארְצַייט - וֶועט דָאס הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט, עֶס אִיז וֶוערְד אַלֶע גֶעלְטֶער מִיט צוּ הַאלְטְן דִי שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט

אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער בַּיים צֵיין דָאקְטֶער, מַיין קִינְד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען פַּארְוָואס אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ טוּעֶן דָאס צוּ אִים; וִויפִּיל מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִים צוּ זָאגְן: "מִיר ווִילְן נָאר דַיין טוֹבָה, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין לֶעכֶער" - הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען.

בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טְרַאכְט אִיךְ 'אַזוֹי קוּקְן מִיר אוֹיס וֶוען מִיר הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אוּנְזֶער גוּטְס, עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן מִיר הָאבְּן טַעֲנוֹת'; מִיר דַארְפְן שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶע טַעֲנוֹת, אוּן אָנְהוֹיבְּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט מַאכְן אִין בֵּית פֵיגָא בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ אַ יוּנִיפָאְרְם פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס וֶועט דָאס הֶעלְפְן פַאר דִי לֶענְג פוּן דִי קְלֵיידֶער? וֶוען מֶען גֵייט מִיט אַ יוּנִיפָאְרְם הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט אוֹיף דִי לֶענְג. אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ יוּנִיפָאְרְם; אִין בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע גֵייעֶן אוֹיךְ נִישְׁט דִי קִינְדֶער מִיט אַ יוּנִיפָאְרְם, נָאר דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער גֵייעֶן מִיט דֶעם, גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְפִירְן אִינְדֶערְפְרִי, אָבֶּער בֶּעסֶער וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער פוּן שְׁטוֹף, נִישְׁט מִיט אַ יוּנִיפָאְרְם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, וַוייל ווִי נָאר מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, בִּלְבּוּלִים, קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת; אַז מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

- אִיז גוּט, אוּן אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָא נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, פּוֹעֶל'ט מֶען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי"ם, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, אוּן מִיטְן אוֹיסְלֶערְנֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פְּלַאנְצְן אֱמוּנָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אוּן וֶוער עֶס וֶועט הָאבְּן שֵׂכֶל - וֶועט הֶעלְפְן, אוּן וֶוער נִישְׁט - נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ דִי מַעֲשֶׂה פוּן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי הַנְהָלָה אַז עֶר וִויל דִי בָּחוּרִים זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין טוּן חֶסֶד, גֵיין אִין שְׁפִּיטֶעלֶער בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל. אַמָאל הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז דִי בָּחוּרִים ווִילְן נִישְׁט גֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן נִישְׁט אִין שְׁפִּיטָאל טוּן חֶסֶד מִיט חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל - דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה"; דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי צוּ טוּן - פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה, דָאס אִיז אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען ווִי חָשׁוּב דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים צַדִּיק, אַז בָּחוּרִים זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין חֶסֶד.

מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן רֶעדְן בִּיז מֶען פּוֹעֶלְ'ט, אוּן אַז מֶען רֶעדְט אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס - זָאגְט דָאךְ דִי תּוֹרָה - אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט "מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה" (שְׁמוֹת ו, ט), נִישְׁט נָאר דִיךְ הֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - רַבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל - הָאט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, אוּן וָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעטוּן? עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט אוּן נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט, אוּן בַּיים סוֹף הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ יָא גֶע'פּוֹעֶלְ'ט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען מִיטְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי״ם, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען מִיט קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח; דוּ זָאגְסְט דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ טָארְסְט עֶס נִישְׁט טוּן וֶוען דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג שְׂכַר לִימּוּד אוּן נָאךְ חוֹבוֹת, וִוי מֶעגְסְטוּ גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת?

אוֹיבְּנְאוֹיף בִּיסְטוּ גֶערֶעכְט, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר הֲנָאָה אוּן פַאר וַואקַאצְיֶע וֶוען מֶען הָאט חוֹבוֹת אוּן אַז מֶען קוּמְט גֶעלְט פַאר שְׂכַר לִימּוּד, אָבֶּער אִין דֶעם פַאל, צוּ זַיין אַ שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי קְהִילָה - אִיז יָא וֶוערְד זָאלְסְט בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, וַוייל דָאס וֶועט דִיר שְׁפָּארְן אַסַאךְ גֶעלְט אִין לֶעבְּן, וַוייל אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט דִי פְּרוֹיעֶן פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - וֶועט דִיר דָאס לֶעבְּן קָאסְטְן וֵוייניגֶער.

דֶער שַׁבָּת וֶועט דִיר קָאסְטְן צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער אוּן דִיר שְׁפָּארְן מִילְיָאנֶען, וַוייל נָאר חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, יֶעדֶע קִינְד לְכָל הַפָּחוֹת הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, פוּן דֶעם אַלֵיינְס קֶען מֶען קְרַאנְק וֶוערְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן זַיין אַ חֵלֶק פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - וֶועט דִיר דָאס נִישְׁט קָאסְטְן קַיין גֶעלְט; דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה אִיז בְּחִנָּם, אוּן אוֹיסְשְׁטָאפִּירְן דִי חָתָן כַּלָּה וֶועט דִיר קָאסְטְן אוּנְטֶער צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; פַאר דֶעם אַלֵיינְס אִיז דָאס כְּדַאי, אוֹיךְ פַאר דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן, פַאר דִי אֱמוּנָה וָואס מֶען בַּאקוּמְט דָא - אִיז אַלֶעס כְּדַאי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי״ם, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ בִּיסְט פוּל מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - אָבֶער אַ גוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַז ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד׳.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאט עֶר גֶעזֶען אִין שַׁאנְק אַן אַלְטֶע סִידוּר מִיט דִי בְּרָכָה: ״בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי״; וַוייל דִי סִידוּר אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן דִי רְדִיפוֹת אוֹיף אִידְן, אוּן דִי צֶענְזוּר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט דְרוּקְן דִי בְּרָכָה ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳, נָאכְדֶעם הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא, פַארְוָואס מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה אוֹיף אַ וֶועג פוּן ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי׳, פַארְוָואס מַאכְט מֶען נִישְׁט דִי בְּרָכָה ׳שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד׳, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִין חָלוֹם, וָואלְט מֶען וֶוען גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה ׳בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי, אִיךְ בִּין אַ אִיד׳ - וָואלְטְן דִי עַצְבוּת׳דִיגֶע מֶענְטְשְׁן נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה, זֵיי וָואלְטְן גֶעטְרַאכְט מֵרֹב עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה ׳בִּין אִיךְ דֶען אַ אִיד?׳ דֶערְפַאר מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳, אַז אֲפִילוּ אַן עַצְבוּת׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ טוֹיט, עֶר זֶעט זִיךְ דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה - קֶען אוֹיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: ״אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, גֶע׳מַל׳עְט בִּין אִיךְ!״

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶוען שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי מַיין שְׁוֶוער, הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ״א. מַיין שְׁוֶוער הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הֵיילִיגְן בְּנֵי יִשָּׂשכָר פֵייעֶרְדִיגֶע וֶוערְטֶער, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְסוּפָּק צִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אוֹיבּ עֶר קֶען נָאךְ אַמָאל תְּשׁוּבָה טוּן - אִיז דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת, וַוייל בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְטְשֶׁעפֶּעט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, עֶר בֶּעט אִיבֶּער אוּן יֶענֶער אִיז אִים מוֹחֵל, אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל טְשֶׁעפֶּען אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְבֶּעטְן - וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ יֶענֶעם

זָאגְן: "אַלֶעס הָאט אַ גְּבוּל", אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מֻגְבָּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ, מֶען קֶען אֵייבִּיג פַארְרֶעכְטְן, מֶען קֶען אַלְץ מְתַקֵּן זַיין, אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין טוֹיזְנְט מָאל גֶעזָאגְט מֶען גֵייט שׁוֹין נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ דַארְף גְרוֹיסֶע נִיסִים צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת, סַיי אִין אַמֶערִיקֶע אוּן סַיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִי גַאנְצֶע עוֹל פוּן צָאלְן מְלַמְּדִים אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶעמַאכְט נִיסִים מִיט מִיר בִּיז אַהֶער אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶר וֶועט מִיךְ וַוייטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, לֵייג מִיךְ אַרַיין אִין דַיינֶע תְּפִילוֹת, מַאךְ אַ תְּפִלָּה פַאר מִיר יֶעדְן טָאג, אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי הֲפָצָה, דָאס אִיז דַיין תִּיקוּן, נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן סִידִיס, אוּן גֵיי בַּיי דִי הַייזֶער אוּן אִין שׁוּלְ'ן; דָאס וֶועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

נִישְׁטָא אַ זַאךְ וָואס מֶען וֶוערְט דוּרְכְדֶעם בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוֶוען אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ

אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַּאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשְׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוּבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוּבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְּאַהֲנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת, סֵיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן סֵיי אִין אַמֶערִיקֶע; אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נֶעמֶען מִיר נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי מְדִינָה הַטְּמֵאָה, אוּן אוֹיךְ דָא אִין אַמֶערִיקֶע נֶעמֶען מִיר נִישְׁט אַלֶע פְּרָאגְרַאמֶען, מִיר לֵייגְן נִישְׁט אַרוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי לִיסְטֶע פוּן מְשׁוּגָעִים אַזוֹי וִוי אַלֶע טוּעֶן. יָארְן צוּרִיק הָאט מִיךְ מְנַחֵם מֶענְדְל גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר זָאל מַאכְן דִי פְּרָאגְרַאם פַאר דִי מוֹסָד, אַיינְגֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל אוּן דִי רֶעגִירוּנְג וֶועט גֶעבְּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ פַאר יֶעדְן קִינְד; חַס וְשָׁלוֹם, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא דִי זַאכְן, בַּיי אוּנְז זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְט. אוֹיךְ נֶעמֶען מִיר נִישְׁט דִי פְּרָאגְרַאם פוּן טֵייטְל וָואן. אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן פַאר מִיר פַאר נִסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דֶער מַאן שְׁפִּירְט אַז זַיין וַוייבּ שֶׁעצְט אִים, דַארְף עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר מַאן וִויל אִיר זָאלְט קוּקְן מִיט אִים זַאכְן - זָאלְט אִיר אִים חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעבְּן דֶעם גֶעפִּיל אַז אִיר זֶענְט מֶער פוּן אִים, דָאס וֶועט אִים זֵייעֶר צֶעבְּרֶעכְן אוּן אִים אַרָאפְּקְלַאפְּן; נָאר מִיט חָכְמָה זָאלְט אִיר אִים מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט אוּן חָשׁוּב. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בְּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", אַ פְרוֹי הָאט מֶער פַארְשְׁטַאנְד פוּנֶעם מַאן, אוּן מִיט חָכְמָה קֶען מֶען אַלֶעס מַאכְן גוּט.

מַאכְט פִילְן אַייעֶר מַאן וִוי עֶר אִיז דֶער צַדִּיק, עֶר אִיז חָשׁוּב, וִוי עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, גֶעבְּט אִים דִי גוּטֶע גֶעפִּיל - וֶועט עֶר אַלֵיינְס אָפְּלָאזְן דִי זַאכְן וְכוּ׳; וַוייל דִי רֶגַע וָואס דֶער מַאן שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, עֶר שְׁפִּירְט וִוי זַיין וַוייבּ שֶׁעצְט אִים - דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גְרֵייט זִיךְ אָן עֶפֶּעס פַאר שְׁפֶּעטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶּ׳ אוּן מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו), צְוִוישְׁן אִים אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק, וָואס אִיךְ זָאג - וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, אַז בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה אוּן בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה; דִי עֵצָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ פְרֵיינְד, מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם - נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי שׁוֹין יֶעצְט.

גְרֵייט זִיךְ אָן עֶפֶּעס פַאר שְׁפֶּעטֶער, עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט אוּנְז אוֹיסְטוּן אוּנְזֶערֶע קְלֵיידֶער אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר, דָארְט נֶעמְט מֶען גָארְנִישְׁט מִיט, דָארְט אִיז חָשׁוּב נָאר תּוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דָארְט אִיז וֶוערְד אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא וְכַדוֹמֶה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וַהֲלָכָה, נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נֶעבֶּעךְ פַאר אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, דֶער אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג, ז): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה, 'זֶה שֶׁאֵין בְּיָדָיו לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד'", אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ דַף גְמָרָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן.

יֶעצְט קֶען מֶען לַאכְן, וֶוער עֶס ווִיל לַאכְן זָאל קוּמֶען אוּן לַאכְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וַוייל לַאכְט אוּן לַאכְט, אָבֶּער גֶעדֶענְקְט: לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף; וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶער מַלְאָךְ וֶועט קוּמֶען אוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל מִיט דִי שְׁוֶוערְד אִין זַיין הַאנְט אוּן מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן, אוּן עֶר וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה - דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען וֶוער עֶס לַאכְט, דֶער וָואס הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - דֶער וֶועט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דֶער וֶועט גֵיין אִין גַן עֵדֶן זִיצְן מִיט דִי צַדִּיקִים, אוּן דֶער וָואס הָאט טָאג אוּן נַאכְט גֶעלַאכְט פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, צַדִּיקֵי הַדּוֹר - דִי וֶועלְן זַיין לְחֶרְפָּה וּלְדֵרָאוֹן עוֹלָם.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר פְרִיעֶר ווִי אַלֶע וָואכְן, עֶס וֶועט זַיין אַכְט אַזֵייגֶער, לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה, דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת - בַּיי מַיין זוּן הַחָתָן שִׁמְעוֹן

נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ ווִיל זָאלְסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְפִרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל פַּאר דִי שִׂמְחָה פוּן מַיין זוּן, הֶחָתָן שִׁמְעוֹן'ס שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"ש וֶועלְן מִיר זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע תַּלְמִידִים אוֹיף אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזַק, אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה מִיט דִי יָארְצַייט סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי"ם, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", ווַייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "צוּמָאל בִּין אִיךְ פְּרוּם", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין שַׁבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת"; לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבְבִי״ם, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טוּ אַלֶעס אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זַיי מוֹחֵל דַיין וַוייבּ, הַאלְט נִישְׁט קַיין רוּגְזָא אִין דִיר; וַוייל אַלֶע זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן דַיין וַוייבּ - דָאס אִיז אַלֶעס מַעֲשֵׂה שָׂטָן, עֶר וִויל צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב.

נֶעכְטְן זָאגְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן אַז עֶפֶּעס טוּט זַיין וַוייבּ אוּן עֶס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶר עֶקֶלְט זִיךְ פוּן אִיר; זָאג אִיךְ אִים: ״טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דָאס אוּן נִישְׁט יֶענְץ, עֶס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן, דִיךְ שְׁטֶערְט דָאס, אַ צְוֵוייטְן שְׁטֶערְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ״; יֶעדֶער הָאט עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דָאס שְׁטֶערְט אִים, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט פוּנֶעם שָׂטָן, חָרוּב מַאכְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס, אוּן מוֹהֲרָא״ש הָאט דָאס טוֹיזְנְטֶער מָאל גֶע׳חַזֶר׳ט פַאר אוּנְז, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסג): ״זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה״, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט וִוי עֶר קֶען אַוֶועק נֶעמֶען דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, ״כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם״, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## יֶעדֶער קֶען הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִ״ם, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹיף זִיךְ אַ הוֹיז, אַ שָׁאד אַוֶועקְצָאלְן רֶענְט, עֶנְדֶערְשׁ קוֹיפְן אוּן זִיךְ אַלֵיינְס צָאלְן דִי רֶענְט.

יֶעדֶער קֶען הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער צוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז; מֶען דַארְף אֵיין זַאךְ, אַ שְׁטַארְקֶע ווילְן; מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווילְן קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, שְׁפְּרִינְג אַרַיין אִין קוֹיפְן אַ הוֹיז. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידִים זַיי זָאלְן קוֹיפְן הַייזֶער, אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי מֶען בַּאוַוייזְט דָאס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט? פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְן דִי גְרַאם: ״אַבִּיסְל בָּארְגְט מֶען, אַבִּיסְל זָארְגְט מֶען, בִּיז מֶען הָאט אַ הוֹיז״.

דַאוֶועןן מִיט מִנְיָן אוּן בֶּענְטְשׁ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר מִיט שִׂמְחָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט צֶעשְׁטֶעכְן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִ״ם, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ בִּיסְט צֶעשׁוֹידֶערְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס הָאט פַּאסִירְט, ווִי אֵיינֶער הָאט צֶעשְׁטָאכְן צוּם טוֹיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דוּ

ווילְסְט וויסְן וָואס הָאט די מַעֲשֶׂה מִיט דִיר, וָואס דַארְפְסְטוּ טוּן נָאכְן הֶערְן אַזָא נַייעֶס.

מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט די שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט צֶעשְׁנִיטְן אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד אוּן אִין די זֶעלְבֶּע צַייט הָאט אֵיינֶער גֶעשְׁטָאכְן אַ צַדִיק תָּמִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶעזָאגְט וָואס מֶען וַוייזְט אוּנְז פוּן הִימְל, אַז מֶען צֶעשְׁנַיידְט קִינְדֶער אִין חֵדֶר, מֶען נֶעמְט מְלַמְדִים וָואס טוֹיגְן אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן זֵיי צֶעשְׁנַיידְן קִינְדֶער, זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן קִינְדֶער אוּן צֶעקְלַאפְּן קִינְדֶער פַאר די גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן די אַנְדֶערֶע פַּאסִירוּנְג קוּמְט וַוייל מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים, מֶען שְׁפֶּעט פוּן צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ לְאוֹקְמָא שְׁכִינְתָּא מֵעַפְרָא, אַרוֹיס נֶעמֶען די שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה פוּן גָלוּת, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ די אֱמוּנָה, פוּן זֵיי שְׁפֶּעט מֶען אוּן אוֹיף זֵיי רֶעדְט מֶען.

יֶעצְט וֶוען מִיר הֶערְן אַזָא פַּאסִירוּנְג דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען מְכַבֵּד זַיין די עֶלְטֶערְן, רֶעדְן צוּ די עֶלְטֶערְן מִיט די גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד אוּן דָאס גְרֶעסְטֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צֶעשְׁטֶעכְן די עֶלְטֶערְן דוּרְךְ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה; לֵיידֶער לֵיידֶער קֶען מֶען זֶען אוּן הֶערְן ווִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ צוּ עֶלְטֶערְן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּצְפָּה, מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת אוּן מֶען מַאכְט פְּרֶענְקְס אוֹיף די עֶלְטֶערְן.

נֶעם זִיךְ פָאר פוּן יֶעצְט מֶער צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבְבִי"ם, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ אִיר זָאלְט אָפְּרֶעדְן די שִׁידוּךְ צוּלִיבּ חֲשָׁשׁוֹת אַז דֶער בָּחוּר

וֶועט לַיידְן פוּן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער, זִי וֶועט אִים דֶערְבִּיטֶערְן דִי יָארְן; אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר זָאלְט אָפְּרֶעדְן דִי שִׁידוּךְ?

חַס וְשָׁלוֹם, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּרֶעדְן קַיין שִׁידוּךְ, וֶוער עֶס רֶעדְט אָפּ שִׁידוּכִים הָאט אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, און וֶוער עֶס הֶעלְפְט שִׁידוּכִים – הֶעלְפְט כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד) אַ מַטְרוֹנָה הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יוֹסֵי בַּר חֲלַפְתָּא, ווִי לַאנְג הָאט גֶענוּמֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט? הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט זֶעקְס טֶעג, פְרֶעגְט זִי אִים: "מַה הוּא עוֹשֶׂה מֵאוֹתָהּ שָׁעָה וְעַד עַכְשָׁו", וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶעמָאלְט בִּיז יֶעצְט? הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וּמְזַוֵּג זִוּוּגִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים; קוּמְט אוֹיס, וֶוער עֶס הֶעלְפְט מַאכְן שִׁידוּכִים, וֶוער עֶס רֶעדְט צוּ דֶעם בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שִׁידוּךְ – דֶער הֶעלְפְט כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעדְט נִישְׁט אָפּ דִי שִׁידוּךְ, רֶעדְט צוּ דִי שִׁידוּךְ; אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט זִי זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ, זִי וֶועט נִישְׁט זַיין אַ פָּאלִיצֵיי פַאר אִיר מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז קֵיינֶער אִין דִי קְהִלָּה זָאל נִישְׁט הָאבְּן חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִ"ים, י"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאגְט מִיר עֶר הָאט פוֹשֵׁט רֶגֶל גֶעוֶוען, יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן; מִיר אִיז עֶר אוֹיךְ שׁוּלְדִיג טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אַרָאפְּצוּלֵייגְן בְּרוֹיט אוֹיפְן טִישׁ.

אָבֶער עֶר זָאגְט אַז עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פוּס מִיט אַ פַּרְנָסָה, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶר גֵייט בַּאצָאלְן יֶעדֶע פְּרוּטָה פַאר אַלֶע וֶועם עֶר אִיז שׁוּלְדִיג. אִיךְ רֶעד אִים זֵייעֶר צוּ עֶר זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס פוּן עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט מֶער חוֹבוֹת פוּן אִים, אִיךְ וֵוייס פֶּעלֶער פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט חוֹבוֹת פוּן אִיבֶּער אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער, אוּן דוּרְךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט טָאג נָאךְ טָאג הָאבְּן זֵיי בַּאוִויזְן יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ בַּאצָאלְן, עֶר זָאגְט מִיר עֶר קֶען נִישְׁט פּוֹעֵל'ן בַּיי זִיךְ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אָבֶער עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פוּס צוּ קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאצָאלְן.

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט אַלֶע מֶעמְבֶּערְס פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה - קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת, מִיר אִיז אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה צוּ הָאבְּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוּלְדִיג גֶעלְט, אִיךְ טוּ זֵייעֶר אַסַאךְ אַז עֶס זָאל זֵיי זַיין גְרִינְג מִיט מַאכְן שְׂמְחוֹת, אוּן בִּכְלַל דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן זָאל זַיין אוֹיף אַ נִישְׁט טֵייעֶרֶע סְטַאנְדַארְד, אוֹיךְ רֶעד אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ זֵיי בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן בָּארְגְן גֶעלְט, אִיךְ הָאף צוּ הֶערְן בְּקָרוֹב אַז עֶר הָאט אַייךְ בַּאצָאלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן שְׁטֶעטְל אַן אוֹיפְגֶעפְרִישְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שׁוֹבָבִי״ם, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּיי דִי שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת פוּן מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר. דִי סְעוּדוֹת אִיז גֶעוֶוען בַּיים מְחוּתָּן אִין שְׁטוּב, בַּיי אַבְרָהָם מֹשֶׁה, עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים; אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי פָּשׁוּט. דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה הָאט מֶען גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֶסֶד חִינָּם אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן,

מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר וֵוייסְן אוּן לֶעבְּן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת.

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר קַאלְט, אָבֶּער אִין הַארְץ אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר וַוארֶעם, מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה גֶעוֶועזְן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיךְ בִּין אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל אַן אוֹיפְגֶעפְרִישְׁטֶער, וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל שֶׁעפּ אִיךְ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן דִי תַּלְמִידִים, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וִוי מֶען לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הִינְקֶעדִיגֶער (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' מְחִגֵּר), עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעגֶעסְן גְרָאז, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ קְרוֹיט וָואס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן זַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אַ דֵיימַאנְט פוּל מִיט סְגוּלוֹת וְכוּ' אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת; אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן פוּן דֶעם וָואס 'עֶס הָאט אִים גֶעפָאלְן דִי קְרוֹיט', מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְרוּצֶּה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט, עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט - קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גְרָאז צוּ עֶסְן; אוֹיבּ הָאט עֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם, עֶר אִיז אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע - קוּמְט מֶען צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה וָואס אַלֶע פְרֶעגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת י, א): "בֹּא אֶל פַּרְעֹה", קוּם צוּ פַּרְעֹה, "כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ", וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים הַארְט גֶעמַאכְט זַיין הַארְץ וְגוֹ'; עֶס אִיז שְׁוֶוער, וַוייל וָואס הָאט דִי טַעַם מִיט דִי בַּאפֶעל? אוֹיבּ עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע הַארְץ אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן - אִיז וָואס שִׁיקְט מֶען אִים צוּ פַּרְעֹה, וָואס הָאט עֶר פוּן גֵיין צוּ פַּרְעֹה?!

מֶען קֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מט; לִקּוּטֵי עֵצוֹת אוֹת הִתְחַזְּקוּת, סִימָן לז): "מַעֲלָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ עֲדַיִן יֵצֶר הָרָע לָאָדָם", עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ וֶוען מֶען הָאט נָאךְ אַ יֵצֶר

הָרָע, "כִּי אָז יָכוֹל לַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ עִם הַיֵּצֶר הָרָע דַּיְקָא", וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע, "דְּהַיְנוּ לְהִתְגַּבֵּר מִתּוֹךְ חֲמִימוּת הַיֵּצֶר הָרָע", זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע פֵייעֶר וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט, "לְהַמְשִׁיךְ מִמֶּנּוּ לְתוֹךְ אֵיזֶה עֲבוֹדָה מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", אוּן אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאִם אֵין יֵצֶר הָרַע לָאָדָם", אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרָע, "אֵין עֲבוֹדָתוֹ נֶחֱשֶׁבֶת כְּלָל", אִיז דִי עֲבוֹדָה נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב.

"וּבִשְׁבִיל זֶה מַנִּיחַ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁיִּתְפַּשֵּׁט כָּל כָּךְ עַל הָאָדָם", דֶערִיבֶּער מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס זָאל זַיין אַ יֵצֶר הָרָע מִיט בְּרֶענֶעדִיגֶע תַּאֲווֹת, "וּבְיוֹתֵר עַל מִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אוּן נָאךְ מֶער בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע, "אַף עַל פִּי שֶׁעַל יְדֵי הִתְפַּשְּׁטוּתוֹ וְהִתְגָּרוּתוֹ כָּל כָּךְ הוּא מֵבִיא אֶת הָאָדָם לְמַה שֶׁמֵּבִיא, לְכַמָּה עֲווֹנוֹת וּפְגָמִים גְּדוֹלִים", אֲפִילוּ עֶס פַּאסִירְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּל כְּדַאי אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ בִּשְׁבִיל הַתְּנוּעָה טוֹבָה, מַה שֶּׁבְּתֹקֶף הִתְגַּבְּרוּתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הָאָדָם בְּאֵיזֶה תְּנוּעָה וּבוֹרֵחַ מִמֶּנּוּ", דָאךְ אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁזֶּה יָקָר אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר מֵאִלּוּ עָבַד אוֹתוֹ אֶלֶף שָׁנִים בְּלִי יֵצֶר הָרָע", עֶס אִיז מֶער וֶוערְד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען דִינְט אִים מִיט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע - וִוי אַ צְוֵוייטֶער וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טוֹיזְנְט יָאר אָן קַיין יֵצֶר הָרָע, "כִּי כָּל הָעוֹלָמוֹת לֹא נִבְרְאוּ כִּי אִם בִּשְׁבִיל הָאָדָם", וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן נָאר צוּלִיבּ דֶעם מֶענְטְשֶׁעלֶע וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט, "שֶׁכָּל מַעֲלָתוֹ וַחֲשִׁיבוּתוֹ הִיא מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ לוֹ יֵצֶר הָרָע כָּזֶה וְהוּא מִתְחַזֵּק כְּנֶגְדּוֹ", אוּן נָאר וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרָע וָואס צִיט אִים אַוֶועק, אוּן צִיט אִים צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אוּן אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דֶעם יֵצֶר - אִיז מֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶעם טַעַם פוּן: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה, כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ", מֶען רֶעדְט צוּ אוּנְז מֶענְטְשְׁן, דַוְקָא וַוייל מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרָע, מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע הַארְץ, דַוְקָא צוּ אִים רֶעדְט מֶען; זָאלְסְט נָאכְאַמָאל

פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט, אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן אַז דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ וִויסְן, דַוְקָא אַזַא אֵיינֶער - פוּן אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַנָאָה.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם שַׁבָּת אָבֶּער אִיךְ מוּז אַהֵיימְלוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, אַפָּאר קִינְדֶער שְׁפִּירְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, דַארְף אִיךְ מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## אָה... דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי זִיס

עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר אִין דִי יְשִׁיבָה בִּנְיָן, אַלֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן, אוֹיסֶער אֵיין בָּחוּר זִיצְט אַזוֹי פַארְטִיפְט אִין לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶר הֶערְט נִישְׁט דִי קוֹלוֹת, עֶר שְׁמֶעקְט נִישְׁט דִי רוֹיך, עֶר זִיצְט מִיט אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן זָאגְט מִיט אַ חַיּוּת, הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, מִיט אַ נִיגוּן - דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי פֵייעֶרְלֶעשֶׁער קוּמֶען אַרַיין אוּן זֶעעֶן דֶעם בָּחוּר לֶערְנֶען, זֵיי גֵייעֶן צוּ צוּ אִים אוּן זָאגְן אִים: "אַנְטְלוֹיף וָואס שְׁנֶעלֶער, ווייל דֶער בִּנְיָן בְּרֶענְט, דוּ בִּיסְט אִין אַ סַכָּנָה!" נָאר דֶעמָאלְט זֶעט דֶער בָּחוּר וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן עֶר לוֹיפְט אַרוֹיס.

וֶוער אִיז דֶער בָּחוּר? דָאס אִיז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפוּנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי, אוּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט.



"זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנָה..."

מוֹהֲרָא״שׁ פַארְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גְרִינְגֶע זִיסֶע הָאנִיגְדִיגֶע צוּקֶערְדִיגֶע וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין - דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן הָאפֶענוּנְג צוּ לֶערְנֶען אוּן קֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

קִינְדֶער, לָאמִיר אַלֶע נָאכְמַאכְן מוֹהֲרָא״שׁ; לָאמִיר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק - בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל
הקודש
חיזוק
צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן
הדפסה
היכל
הקודש
718·387·2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com